# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקרא, ז' ניסן, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 26 (491)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................6:50
מוצאי שב"ק....................8:21

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................ישעיה כ"ד-כ"ה
בבלי....................פסחים קי"ט
ירושלמי.................כתובות ג'
תוספתא............כלים בתרא ו'
רמב"ם...........נערה בתולה ב'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה, דָאס וָוארְט "וַיִּקְרָא" דָאס וָוארְט וַיִּקְרָא שְׁטֵייט מִיט אַ קְלֵיינֶע אַלֶף?

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"נ) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין יִסוּרִין; גֵייסְטִישֶׁע יִסוּרִים הָאט עֶר זִיכֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּם גוּטְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אִיּוֹב א', כ"א) "ה' נָתַן וַה' לָקָח יְהִי שֵׁם ה' מְבֹרָךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעגֶעבְּן אוּן דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶס צוּרִיק גֶענוּמֶען, זָאל דֶער נָאמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט. אָבֶער אֲפִילוּ פִיזִישֶׁע יִסוּרִים, וָואס דָאס מוּז דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְן אִין דִי בֵּיינֶער, אִיז עֶס אָבֶער אוֹיךְ אַסַאךְ גְרִינְגֶער, וַוייל לְמַעֲשֶׂה וֵוייסְט עֶר אַז עֶס קוּמְט אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין טוֹבָה.

דֶער עִיקָר צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, אִיז נָאר וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, אַז סְ'אִיז אַ טֶבַע, מִקְרֶה, אוּן מַזָל. אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד, דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַזוֹיפִיל צַעַר אוּן יִסוּרִים אִין זַיין לֶעבְּן, וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גוּט אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין זַיין קָאפּ אַז גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, מִיט דֶעם וָואלְט עֶר מַמְתִּיק גֶעוֶוען אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ, אוּן עֶר וָואלְט זֵייעֶר גְרִינְג גֶעקֶענְט אָנְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, "וַיִּקְר", אָן דִי אַלֶף, מֵיינְט "עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶס טְרֶעפְט זִיךְ זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גְרוֹיסֶע צָרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין דֶעם קְלֵיינֶעם אַלֶף, דָאס מֵיינְט דֶעם "אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם" - **דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶס "וַיִּקְרָא" - "עֶר הָאט גֶערוּפְן"**, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּפְט אִים, אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער צָרוֹת, הָאט עֶר נָאר אֵיין עֵצָה, צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דַאן וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת.

רַשִׁ"י זָאגְט, "הַקּוֹל הוֹלֵךְ וּמַגִּיעַ לְאָזְנָיו וְכָל יִשְׂרָאֵל לֹא שׁוֹמְעִין", דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּ דִי אוֹיעֶרְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, נָאר עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט. דָאס גֵייט אוֹיךְ אָן בַּיי יֶעדְן אִיד, דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ אִיד, זֶענֶען דִי קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן נְבוּאָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס מְרַמֵז זַיין פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נ"ב) אַז פוּן אַלֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אוּן שְׁפִּירְן אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דֶעם אַז עֶר קֶען שְׁטֵיין צְוִוישְׁן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער הֶערְט גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט צוּ אִים.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, וִויסְן אַז אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן גְרִינְגֶערְהֵייט, אוּן עֶס וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּקְרָא ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאמִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, הֲלָכָה ב') אַז דֶער שַׁבָּת פַאר פֶּסַח רוּפְט מֶען "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים ד') כִּי מִי גוֹי "גָדוֹל" אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - וֶוער אִיז נָאךְ אַזַא "גְרוֹיס" פָאלְק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּ זֵיי וֶוען זֵיי רוּפְן צוּ אִים, זֶעט מֶען אַז מִיר הֵייסְן אַ גְרוֹיס פָאלְק וַוייל מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּנְז.

נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים ב, ח) סַפְּרָה נָּא לִי אֵת כָּל "הַגְּדֹלוֹת" אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלִישָׁע - דֶערְצֵייל מִיר דִי "גְרוֹיסֶע" זַאכְן וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן, זָאגְט דִי גְמָרָא (מְגִילָה כ"ז) אַז אַלֶע נִיסִים וָואס אֱלִישָׁע הָאט גֶעטוּן אִיז גֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶעט מֶען ווִידֶער אַז וֶוען מֶען מַאכְט נִיסִים דוּרְךְ תְּפִלָּה הֵייסְט דָאס "גָדוֹל" - "גְרוֹיס".

דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" וַוייל דֶעמָאלְט אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִיסִים דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הֵייסְט דָאס שַׁבָּת "הַגָּדוֹל" - דֶער "גְרוֹיסֶער" שַׁבָּת.

דֶער טוּר בְּרֶענְגְט (אוֹרַח חַיִים סִימָן ת"ל) אַז אִין שַׁבָּת הַגָּדוֹל הָאבְּן דִי אִידְן גֶענוּמֶען אַ לֶעמֶעלֶע וָואס

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶע צוּ קוֹיפְן פַאר דַיין וַוייבּ אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אַ שָׁאד אַרַיין צוּ גֵיין אִין יוֹם טוֹב נִישְׁט בְּשָׁלוֹם. בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט אִיר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט. יֶעצְט אִיז אַ צַייט פוּן אַרוֹיס גֵיין לְחֵרוּת, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע קַטְנוּת, פוּן אַלֶע מַחְלוֹקֶת; מִיר לָאזְן אִיבֶּער פַּרְעֹה, מִיר לָאזְן אִיבֶּער דִי מִצְרִים, מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מִיר וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט. שׁוֹין צַייט אוֹיסְצוּרוֹימֶען דֶעם רִיכְטִיגְן חָמֵץ - דִי גַאֲוָה, דָאס זִיךְ גְרוֹיסְהַאלְטְן אוֹיף אַ צְוֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-א' תשפ"פ)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי וֵויילְט אוֹיף שַׁבָּת אִין שְׁטָאט אוּמַאן, וואוּ ס'הָאבְּן דַאן גֶעוואוֹינְט מַשְׂכִּילִים רְשָׁעִים. חַייקְל אֶפִּיקוֹרוֹס גֵייט מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי מַאכְט חוּזֶק פוּן אִים.**

דָאס אִיז גֶעוֶועְן פַאר אִים וִוי אַ פַּאטְשׁ אִין פָּנִים, עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגְן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט אַבִּיסְל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיס. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע אֵיידֶעמֶער, "כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ קוֹים גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט מִיר אוֹיךְ אַבִּיסְל פַאַרְשֶׁעמְט, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן זֶע אִיךְ אַז ס'אִיז דָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. דֶערְפַאר זָאלְט אִיר יֶעצְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, אוּן פַארְנַאכְטְס בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאלְט אִיר גֵיין צוּ אִים אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועְן, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעזֶעסְן מִיט עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אָבֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעדְרֵייט מִיט חָכְמָה דִי תּוֹרָה אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן אִיבֶּער אַ טִיפֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי גְמָרָא (סוּכָּה ח'.) "כָּל אַמְּתָא בְּרִבּוּעָא וְכוּ'", אִיבֶּער וָואס תּוֹסְפוֹת שְׁרַייבְּט דָארְט אַז רַשִׁ"י הָאט נִישְׁט מְדַיֵּיק גֶעוֶועְן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁמוּעֶסְט צְוִוישְׁן זִיךְ, "דָאס רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּ זַיינֶע חֲסִידִים, דָאס מֵיינְט עֶר אוּנְז!". זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַאַרְטִיפְט אִין דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן, "רֶבִּי, אַז אִיר וֵוייסְט יָא דֶעם חֶשְׁבּוֹן, זָאגְט עֶס אוּנְז", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי עֶס זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אוּן דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם.

נָאךְ שַׁבָּת זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶערֶעדְט מִיט אִים אוֹיף זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער, דֶער רֶבִּי הָאט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה אַרוּמְגֶעדְרֵייט מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט פוּן אִים שֵׁיידְן.

זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן עֶר זָאל בְּלַייבְּן מִיט זֵיי אִין אוּמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט אַז וֶוען זֵיי ווֶעלְן אִים בְּרֶענְגֶען דֶער כְּתַב יַד פוּן דֶעם בּוּךְ "יֵין הַלְּבָנוֹן", וֶועט עֶר קוּמֶען קַיין אוּמַאן. אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס צוּגֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אוּן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

פָאַרזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

>>>>>>

דָאס אִיז גֶעוֶועְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי מִצְרִיִים אוּן עֶס צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם בֶּעט, כְּדֵי דָאס צוּ שֶׁחְטְ'ן פַאר אַ קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעקְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אָבֶער זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, דָאס אִיז גֶעוֶועְן אֵיין נֵס וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ אַ נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְט פַּאסִירְט וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מֶדְרָשׁ (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים מִזְמוֹר קל"ו) אַז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעזָאגְט דִי מִצְרִיִים אַז דִי בְּכוֹרִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן, זֶענֶען אַלֶע בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע טַאטֶעס אוּן גֶעזָאגְט: "בִּיז יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁעְן אַלֶעס וָואס מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, וִוילְט אִיר נִישְׁט אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן לֶעבְּן? לָאזְט אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועלְן מִיר שְׁטַארְבְּן!" הָאבְּן דִי טַאטֶעס גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אֲפִילוּ אַלֶע מִצְרִיִים וֶועלְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן דִי אִידְן פוּן דָא!", זֶענֶען דִי בְּכוֹרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "לָאז אַרוֹיס דִי אִידְן פוּן דָא, מִיר הָאבְּן נָאר צָרוֹת פוּן זֵיי", הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן זַיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן פַארְטְרַייבְּן דִי בְּכוֹרִים. וָואס הָאבְּן דִי בְּכוֹרִים גֶעטוּן? יֶעדֶער הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד אוּן גֶע'הַרְגְ'ט זַיין טַאטֶע, "לְמַכֵּה מִצְרַיִם בִּבְכוֹרֵיהֶם", זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט מִצְרִיִים זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶע'הַרְגְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי בְּכוֹרִים.

זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס אִיז דֶעמָאלְט גֶעשֶׁעְן, אוּן אַלֶעס נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן עֶס טַאקֶע גֶעטוּן, אוּן דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁעְן דִי נִיסִים, אוּן דֶערְפַאר הֵייסְט דֶער שַׁבָּת "שַׁבָּת הַגָּדוֹל".

## דֶער שֵׂכֶל אִין גָלוּת

בְּאֶמֶת אִיז דָאס גֶעוֶועְן דֶער עִיקָר גָלוּת מִצְרַיִם, אַז דֶער שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶועְן אִין גָלוּת, דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן מִיט תְּפִלָּה, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶר הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז זֵיי קֶענֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח" - "פֶּה-סָח" אַז דֶער מוֹיל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט אִין "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, מֶען זָאל וִויסְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע כּוֹחוֹת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז זֵייעֶר לִיבּ, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיסְ'פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִים, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן פ"ח): דֶעם טַעַם פַארְוָואס מֶען דְרֵייט אִיבֶּער דֶעם טִישׁ אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל. וַוייל דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ'ן דִיבּוּר, אוֹיף רֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל מא, כב) "וַיְדַבֵּר" אֵלַי זֶה "הַשֻּׁלְחָן" אֲשֶׁר לִפְנֵי ה'. דֶערְפַאר דְרֵייט מֶען אִיבֶּער דֶעם טִישׁ וַוייל דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט. פַאר מֶען אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִיז דֶער דִיבּוּר נָאךְ גֶעוֶועְן אִין גָלוּת, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן "פֶּסַח" - "פֶּה-סָח", מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן, אִיז דֶער דִיבּוּר אַרוֹיס פוּן גָלוּת.

עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אַז אוּם שַׁבָּת הַגָּדוֹל עֶסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט גֶעוֶוענְלִיךְ שַׁבָּת, וַוייל דָארְט אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַאר פֶּסַח, מֶען עֶסְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע טִישׁ. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז פַאר פֶּסַח אִיז דֶער טִישׁ, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְנִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ. בִּיז עֶס קוּמְט פֶּסַח, עֶסְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵדֶר שׁוֹין אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ, וַוייל דֶעמָאלְט גֵייט יֶעדֶער אִיד אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, עֶר הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אָבֶער אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַזוֹי וִוי מֶען עֶסְט טַאקֶע נִישְׁט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע טִישׁ, קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט מְסוּדָר אַלֶעס וִוי נָארְמַאל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ח) אַז דֶער עִיקָר פַּרְנָסָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ ווֶענְדְט זִיךְ צוּ עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, וַוייל כַּעַס נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה. דֶערְפַאר אוֹיבּ וִויל מֶען טַאקֶע פַארְרֶעכְטְן דֶעם טִישׁ אוּן בַּאקוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף פֶּסַח, דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן קֵיינְמָאל, אוּן פִירְן דֶעם שַׁבָּת הַגָּדוֹל מִיט רוּאִיגְקֵייט אוּן פְרֵייד, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

## דִי זִיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

שַׁבָּת הַגָּדוֹל זָאגְט מֶען דִי הַפְטוֹרָה פוּן "וְעָרְבָה לַה'", דָאס הָאט שַׁייכוּת מִיט שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט דָארְט בַּיים סוֹף דֶעם פָּסוּק "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא לִפְנֵי בּוֹא יוֹם ה' 'הַגָּדוֹל' וְהַנּוֹרָא", מִיר וַוארְטְן שׁוֹין וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער "יוֹם הַגָּדוֹל", וֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיין דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ קוּמְט אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'" - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט שׁוֹין יֶעדֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי דִי מְעָרָה פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, הָאט עֶר זִיךְ פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועְן אַ מֶענְטְשׁ, אַ בָּשָׂר וָדָם, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גֶעוואַלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי גְרוֹיס אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַז עֶר וֶועט זַיין דֶער וָואס וֶועט קוּמֶען זָאגְן דִי בְּשׂוּרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מָשִׁיחַ קוּמְט אוּן יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר אִים דִינֶען.

דָאס אִיז דִי הֲכָנָה וָואס מִיר גְרֵייטְן זִיךְ יֶעצְט צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, וֶוען מֶען וֶועט צוּגְרֵייטְן דֶעם כּוֹס פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אִים, צוּ וַוייזְן אַז מִיר נֶעמֶען אָן דִי לִמּוּדִים וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט אִים זִיס דָאס לֶעבְּן, אוּן מִיט דֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן דִי הַפְטוֹרָה "וְעָרְבָה לַה'" - דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ זִיסְקֵייט פַארְן מֶענְטְשׁ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ שַׁבָּת הַגָּדוֹל)

>>>>>>
וועט יעדער ווינטשן זיינע קינדער "זאלסט זיין כאפרים וכמנשה" וואס זענען געבליבן אויף די מדריגה פון די פריערדיגע.

האט דער ראש ישיבה שליט"א אויסגעפירט אז דאס ווינטשט מען ביים ברית, ווען מ'געבט א נאמען נאך א זיידע פון פריערדיגן דור, מ'געדענקט די פריערדיגע דורות, וואונטשט מען דאס קינד אז "כן יכנס לתורה לחופה", ער זאל בלייבן זיין גאנץ לעבן מיט די פייער פון די פריערדיגע דורות נאך ווען ער הייסט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט ביים וואכנאכט פון זיין פעטער הרה"ג ר' יקותיאל טייטלבוים שליט"א, ראש הכולל סאטמאר וויליאמסבורג, אז קארלסבורגער רב זצוק"ל איז געווען פארקערט פון אלע רבי'ס. געווענליך ביי א גוטער איד איז דער וואס איז שטייט פון אינדרויסן, ער זעט דעם רבי'ן מיטן שטריימל און ווייסע בעקיטשע און אלע קלאטשן פאר אים, אזא מענטש איז א חסיד; די וואס דרייען זיך אבער נאנט צו אים פון אינעווייניג זעען זיין הנהגה פריוואט, נישט צווישן עולם, און דאס נעמט אוועק פון די אמונת צדיקים, ווי די וועלט זאגט אז די ווייב, דער גבאי און די קינדער פון א צדיק קענען נישט זיין קיין חסידים; ביים רב זצוק"ל איז אבער געווען פארקערט. די פון אינדרויסן האבן נישט אייביג פארשטאנען זיין הנהגה, אבער די נאנטע האב געזען פאר זיך א צדיק וואס איז אויסגעטון פון דער וועלט, עס אינטערעסירט אים גארנישט, נאר ער זיצט און לערנט שעות אויף שעות, און דינט דעם אייבערשטן פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעווינטשן אלע משתתפים מען זאל זוכה זיין ארייננצוכאפן וואס מער צו דינען דעם אייבערשטן אין די יארן וואס מען האט אויף דער וועלט.

**כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים!**

***

## עצתו אמונה חלק ד' שוין דא צו באקומען

מיט גרויס פרייד נעמען אויף אנשי שלומינו די גוטע נייעס אז דער נייער באנד עצתו אמונה חלק ד' איז נארוואס אנגעקומען צום בית הדפוס, און ווערט שוין פארשפרייט און געשיקט צו אדרעסן לויטן פארלאנג.

דער הייליגער ספר עצתו אמונה איז שאלות און תשובות געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה פאר אידן איבער די גאנצע וועלט אין אלע מצבים פון לעבן, ווי דער ראש ישיבה ענטפערט פאר די שואלים בטוב טעם ודעת אויפ'ן וועג פונעם הייליגן רבי'ן ווי געלערנט ביי מוהרא"ש ז"ע.

די הייליגע בריוו האבן שוין באלאכטן אן א צאל אידישע קינדער, און געראטעוועט פילע אידישע שטובער פון אונטערגאנג ברוחניות ובגשמיות. עס האט שוין אויפגעהויבן פילע ערליכע אידן מיט עצות און הדרכה צו ווערן נאנט צום אייבערשטן, דורך גיין אויף א שפאציר און זיך אויסשמועסן דאס הארץ צום אייבערשטן, און צוגעבינדן טויזנטער אידישע נשמות צום אייבערשטן און זיין הייליגע תורה, מיט די זיסע עצה פון סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן, וואס מיט דעם קען יעדער איד אן אויסנאם זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה. עס ראטעוועט טאג טעגליך אידישע שטובער דעם שלום בית, ווען אידן נעמען א טעגליכע דאזע פון התחקות און עצות, און ווערן דערמאנט דורך די הייליגע בריוו צו האבן סבלנות, און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, און נישט אויפגעבן.

הונדערטער אידן איבער די וועלט שלינגען מיט דארשט די הייליגע בריוו, און איז ביי זיי א חק קבוע צו לערנען יעדן טאג א פארציע פון דעם הייליגן ספר, וואס איז זייער פלייצע און חיזוק זיך צו האלטן שטארק, עס איז זייער פאנצער פאר אלע זייערע שווערע נסיונות, און איז זייער מעדיצין פאר אלע זייערע פראבלעמען.

יעצט אז דער ספר איז שוין ב"ה אנגעקומען צום בית הדפוס, איז דער שטאב זייער פארנומען ארויסצושיקן די ספרים צו אלע וואס האבן עס באשטעלט.

עס איז דא נאך דא צו באקומען ביי קרן הדפסה פאר בלויז 13$ אריינגערעכנט שיפינג צום שטוב. רופט אריין ווילאנג עס איז נאך דא, וכל הקודם זכה. קרן הדפסה היכל הקודש 718-387-2691 עקסטענשאן 2, אדער שיקט אן אימעיל צו info@kerenhadfusa.org.

**עצתו אמונה פעולתו אמת!**




# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## פֶּסַח אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, וְוִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דְרֵיי יָאר צוּרִיק, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, וָואס הָאבְּן מַמָשׁ גֶעעֶפְנְט מַיינֶע אוֹיגְן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן 19 יָאר, אִיךְ הֶער וְוִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וְוִי אַזוֹי מְ'דַארְף פִירְן אַ סֵדֶר מִיט רוּאִיגְקֵייט, וְוִי אַזוֹי מְ'קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח, סְ'זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים. דָאס אִיז אַלֶעס זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפֶּערְלִיךְ נֶערְוֶועז אוּן שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ, יֶעדֶעס יָאר קוּמְט צוּ פְרִישֶׁע חוּמְרוֹת בַּיי אוּנְז. מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז אוֹיף פֶּסַח, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיסְצוּהַאלְטְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַ וֶועג וְוִי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֶּסַח צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר מִיר.

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דָאס גוּטְס; אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁוֶועריקֵייט, מֶען זָאל זוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען זָאל אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶערוֹיף.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וְוִי דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְוִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב; נוּץ דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן אוּן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים פַאלְן מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע וֵוייטָאגְן וְכוּ'.

פוּן אֵיין זַייט אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵים זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ', אָבֶּער פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דִי שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", וְוִי שְׁוֶוערֶער עֶס קוּמְט אָן צוּ מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען, בִּפְרַט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא; כִּבּוּד אָב וָאֵם", אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׂכַר נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן וְוִי אַזוֹי דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט פְּרָאצֶענְט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח"; ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר אַלֵיינְס אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ. כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט בַּאשׁוּלְדִיגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ' וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן, נָאר שִׁבְרוֹן לֵב אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ; עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אַוֶועק צוּ מַאכְן עֶלְטֶערְן אוּן לֵייגְן דִי גַאנְצֶע מִיסְט אוֹיף זֵיי אָבֶּער דָאס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. אַז דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף דַיינֶע מִידוֹת, צוּ זַיין אַ זִיסֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ, שְׁרֵייעֶן אוּן
<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
שְׁלָאגְן וְכוּ׳, וֶועט דִיר גוּט זַיין. עֶס וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי דִיר (שׁוֹפְטִים יד, יד): ״מֵעַז יָצָא מָתוֹק״.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שֶׁעפְּסְט חִיוּת פוּן רֶבִּי׳ן דִי לֶעצְטֶע דְרַיי יָאר; לֶערְן אַבִּיסְל סֵפֶר ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ וֶועסְטוּ זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט סִיפּוּרִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן אוּן זַיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵייליךְ. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מוֹהֲרָא״שׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בֵּיישְׁפִּיל. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר גָארְנִישְׁט גֶעהַאט מֵיין אִיךְ טַאקֶע גָארְנִישְׁט, נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט אוּן מֶען שְׁרַייבְּט וְכוּ׳, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵייליךְ, שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הֵייבְּסְטוּ אָן דַיין לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן אוּן שְׁרַייבְּן: ״אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח״? פַארְוָואס? וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט חוּמְרוֹת, אִיז וָואס? דָאס אִיז אַ צָרָה? מַאךְ דִיר פְרֵייליךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זִיצְט בַּיים סֵדֶר טִישׁ מִיט טַאטֶע אוּן מַאמֶע! וִויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן קֶענֶען נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ בַּיים סֵדֶר, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, דַיין מֵצַר-יָם, דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת; זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַבִּיסְל נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זַיין זוֹכֶה זַיין צוּ (מִיכָה ז, טו): ״כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת״, אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי-א תשע״ח)

# סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **יואל פארקאש** שליט״א

גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל

צו די שמחת החתונה למזל טוב פון זיין זון

החתן מו״ה **יעקב הלל** הי״ו

עב״ג בת

מו״ה **ישראל מאיר הורוויץ** שליט״א

***

החתן מו״ה **ישראל מאיר בליקזילבער** הי״ו

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב

***

החתן **יצחק פעלדמאן** הי״ו

צו זיין שידוך שליסן עב״ג למזל טוב

***

מו״ה **יושע אליעזר גליק** הי״ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו״ה **שרגא שטראססער** הי״ו

צו די געבורט פוז א אינגל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# געהויבענע שמחה ביים ראש ישיבה שליט״א

די פארגאנגענע וואך האט דער ראש ישיבה שליט״א ארייגעברענגט זיין ניי געבוירן אינגל בבריתו של אברהם אבינו למזל טוב, פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וואס זענען זיך מחי׳ מיט די דרשות און בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א האבן זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה.

מאנטאג נאכט איז פארגעקומען די וואכנאכט אין בית המדרש פון הגה״צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט״א מווייטצען, דער שווער פון ראש ישיבה שליט״א, וואו א שיינער ציבור איז געקומען אנווינטשן די בעלי שמחה.

ווען דאס קינד איז געבוירן געווארן למזל טוב איז דער זיידע, כ״ק מרן גאב״ד קארלסבורג זצוק״ל, נאך געווען מיט אונז, עס איז געווען זעלבסט פארשטענדליך אז דאס קינד וועט אריינגיין בבריתו של אברהם אבינו ע״ה על ברכיו פונעם גרויסן זיידן. אבער ליידער נאכ׳ן גרויס קלאפ ווען דער זיידע זצוק״ל איז פלוצלינג נסתלק געווארן לחיי העולם הבא אום זונטאג, און דער זיידע דער ממלא מקום הגה״צ מקארלסבורג שליט״א איז געפארן צום לויה אין עיה״ק מירון, האט מען געהאפט אז דער זיידע וועט שוין זיין צוריק אויף דינסטאג מיטאג צום ברית, איז געווען דער פלאן אז מען וועט פראווען דער ברית אין בית מדרשו ביהמ״ד קארלסבורג אין בארא פארק. אבער לאור המצב האט זיך דער פליגער פארשלעפט, און אינמיטן טאג איז קלאר געווארן אז דער זיידע וועט נישט אנקומען פאר עס ווערט נאכט, האט מען געפראוועט דעם ברית בעתו ובזמנו דינסטאג מיטאג אין ביהמ״ד היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג.

דער מעמד הברית איז אויסגענוצט געווארן דורך דעם פארזאמלטן ציבור זיך אויסצובעטן אלעס גוטס ביים אייבערשטן, ווי מוהרא״ש ז״ע פלעגט אייביג דערמאנען די גרויסע עת רצון וואס איז דא ביי א ברית ווען אליהו הנביא קומט, און מען איז מוחל אלע עבירות.

דער מוהל איז געווען הגה״צ ר׳ דוד דוב מייזליש שליט״א אב״ד ווייטצען, קוואטער איז געווען דער זון פון ראש ישיבה הר״ר אלחנן חיים רוטה שליט״א, אל הכסא איז געווען הרה״ג ר׳ יונה זינגער שליט״א, דיין דקהילתנו; מן הכסא איז געווען דער שוואגער פון ראש ישיבה הרה״ג הערשל הורוויץ שליט״א, מנהל ישיבה לצעירים סאטמאר וויליאמסבורג. על יד אבי הבן איז געווען א ברודער פון ראש ישיבה הרה״ג חיים יוסף רוטה שליט״א, מיט סנדקאות איז מכובד געווען הגה״צ ר׳ מרדכי אהרן מייזליש שליט״א מווייטצען, שווער פון ראש ישיבה; מן הסנדק איז געווען דער שוואגער פון ראש ישיבה הרה״ג ר׳ אשר זעליג מייזליש שליט״א, עמידה לברכות איז געווען הגה״צ ר׳ מרדכי אהרן מייזליש שליט״א מווייטצען, שווער פון ראש ישיבה; מיט די ברכות איז מכובד געווארן הרה״ג ר׳ אלחנן רוטה שליט״א, מרבני כולל בית תלמוד להוראה, א ברודער פון ראש ישיבה. מען האט א נאמען געגעבן דאס קינד ״יחזקאל״, נאכן גרויסן זיידן הגה״צ מקארלסבורג זצוק״ל, אינעם טאג פון די קבורה.

דערנאך האט מען זיך געוואשן צום סעודת ברית. הגה״צ ר׳ מרדכי אהרן מייזליש שליט״א, דער שווער פון ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן מיט א שיינע דרשה, אינצווישן האט ער זיך אויך געשטעלט אויף דעם וואס ווערט געברענגט אין שלחן ערוך פון א ירושלמי אז ווען א איד גייט אוועק פון די וועלט דארף די גאנצע משפחה זיך זארגן און אכטונג געבן, ווייל עס הענגט דינים אויף די גאנצע משפחה, אבער ווען עס ווערט געבוירן א בן זכר אין די משפחה, גייט אוועק די אלע דינים, די גאנצע משפחה ווערט אויסגעהיילט.

די שאלה איז נאר אויב דאס קינד איז געבוירן נאך בחיים חיותו און נאר די ברית איז ערשט נאך די פטירה, אויב דאס גייט אויך אריין אין דעם כלל, און אויף דעם האט ער נאכגעברענגט א תשובה פון הייליגן מהרש״ל (סימן ע׳) וואס שרייבט קלאר אז אפילו דאס קינד איז נאך געבוירן ביים לעבן, אויב אבער איז די ברית שוין געווען נאכדעם, איז נתרפא כל המשפחה.

און אזוי ווייטער האט ער מאריך געווען מיט שיינע פלפולים, פון וואס דער עולם האט זייער הנאה געהאט, און דערנאך צוגעענדיגט מיט פילע ברכות פאר׳ן ראש ישיבה שליט״א און פאר די גאנצע קהלה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א אויפגעטרעטן און געפרעגט, פארוואס זאגט מען דווקא ביי א ברית ״כשם שנכנס... כן יכנס״, און נישט ביי אנדערע מצוות, צום ביישפיל ביי א בר מצוה זאל מען זאגן ״כשם שהנחת תפילין, כן יכנס״?

נאר דער שפת אמת פרעגט, יעקב אבינו האט געוואונטשן פאר יוסף ״בך יברך ישראל ישימך אלקים כאפרים וכמנשה״, פארוואס מנשה און אפרים? אלע שבטי יה האט דאך יעקב אבינו ליב געהאט? נאך מער; יעקב האט דאך נארוואס געזאגט פאר יוסף ״אפרים ומנשה - כראובן ושמעון יהיו לי״? ענטפערט דער הייליגער שפת אמת: אסאך מאל זעט מען עלטערן וואס זענען ערליכע אידן, אבער די קינדער און אייניקלעך פאלן ליידער אביסל. און דאס איז געווען די ברכה פון יעקב אבינו ווייל ״אפרים ומנשה״ זענען ״כראובן ושמעון״ וואס איז געווען א דור צוריק, עס איז נישט געווען ביי זיי קיין ירידת הדורות,
<<<<<<

# עצתו אמונה
# ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די ״עצתו אמונה״ יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

# פסח אפטיילונג

**גרייט אייך צום הייליגן יום טוב פסח מיט שיעורים, דרשות, מעשיות פאר קינדער, און נאך פילע אינטערעסאנטע זאכן.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצה בבארא פארק נתנדב ע״י מו״ה מנשה איצקאוויטש הי״ו, לע״נ אביו רבי צבי דוב ב״ר אברהם משה הלוי ע״ה. במאנסי ע״י החתן יצחק פעלדמאן הי״ו